גליון שפ"ב

פ' משפטים תשפ"ה לפ"ק

מרומם זיין
עבודת התפלה
וקדושת ביהמ"ד
מיט די "הייליגע
קבלה" נישט
צו רעדן ביים
דאווענען

## כַּדָּבָר הָאָמוּר

פנינים ומרגליות על הפרשה בעניני תפלה

### רַק שִׁבְתּוֹ יִתֵּן וְרַפֹּא יְרַפֵּא

**שבת** קודש איז משפיע אלע השפעות טובות בגוף ובנפש, און היילט אלע ענינים. דעריבער ווען איינער שעדיגט א צווייטן חלילה, דארף ער אים געבן פינף זאכן, וואס איינס פון זיי איז **שֶׁבֶת**, דאס איז אויך די אותיות **שַׁבָּת**, ווייל ווען איינער ווערט ניזוק בגוף אדער בנפש, איז דער עיקר צו מתפלל זיין אויף אים אין שב"ק, און דאס איז דער תכלית הרפואה.

דאס איז פשט, **רַק שִׁבְתּו יִתֵּן**, אויב וועט מען מתפלל זיין אויף אים אין שבת, דאן **וְרַפֹּא יְרַפֵּא**, וועט ער געהיילט ווערן.

דאס איז אויך מרומז אינעם פסוק **וּבַשְּׁבִעִת יֵצֵא לַחָפְשִׁי חִנָּם**. דאס ווארט בשבע"ת האט די אותיות פון שב"ת, ווייל דורכדעם שב"ק גייט מען ארויס פון אלע שוועריגקייטן. (תפארת שלמה)

## סוֹד שַׂרְפֵי קֹדֶשׁ

קדושת ביהמ"ד במשנתם של בעלי ההילולא

הרה"ק רבי דוד הלוי סגל זצ"ל
בעל טורי זהב – כ"ו שבט תכ"ז

**הַשּׁוֹטִים הָאֵלוּ שֶׁעוֹשִׂים אִיסּוּר בְּהַפְסָקַת שִׂיחָה בְּטֵילָה** (בשעת אמירת קדיש) **אֲשֶׁר גָּדוֹל עֲוֹנָם מְאוֹד, וּבֶאֱמֶת אֲנִי אוֹמֵר שֶׁחָלִילָה לְהִצְטָרֵף עִם אֲנָשִׁים פּוֹשְׁעִים כָּאֵלֶּה כְּשֶׁאֵין מִנְיָן זוּלָתָם!**

(ט"ז או"ח סי' נ"ה סק"ד)

## הוּא מוֹשִׁיעֵנוּ

סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות הקבלה בקדושת התפלה

# א ביטערע ווײ-געשריי בקודש פנימה: "רבי, ווער וועט וויסן אז איך האב אמאל עקזיסטירט?" א קאָן איז שוין בעסער ווי מיר..."

**דער** חשוב'ער עסקן הרב ה. שליט"א פון ירושלים עיה"ק, א געווייקטער תולדות אהרן חסיד, דערציילט זיין פערזענליכע געשיכטע:

### דאס איז ענקער גורל

הרב ה. האט היינט ב"ה פיר לעכטיגע קינדער, און האט שוין אפגעראכטן די שמחת החתונה פון זיין עלטסטער זון. זינט ווען ער איז געהאלפן געווארן מיט זרע של קיימא, האט ער גענומען אויף זיך צו העלפן אנדערע אידישע קינדער, און האט שוין ב"ה זוכה געווען צו באגלייטן הונדערטער אידן ביז צו דעם טאג ווען זיי האלזן אליין זייערע קינדער:

מיין געשיכטע הייבט זיך אן אין יאר תשנ"ו ווען איך האב חתונה געהאט. ווען איך בין געשטאנען אונטער די חופה, האב איך פאראויסגעזען מיין לעבן ווי יעדער דורכשניטליכער יונגערמאן, וואס וועט האבן צום יאר א קינד, און צו צוויי יאר, צוויי קינדער. מיין אויסקוק איז געווען צו לעבן א דורכשניטליכער לעבן.

אבער מן השמים האט מען אנדערש געוואלט. עס איז אריבער א יאר און נאך א יאר, און איך האב נישט זוכה געווען צו וואס אנדערע האבן זוכה געווען, די שטוב איז ביי מיר געווען פינסטער און עלנד. נאך עטליכע יאר נישט האבנדיג קיין קינדער האב איך אנגעהויבן טון השתדלות. איך האב באזוכט ביי פראפעסארן, ביי מומחים, אבער אלע האבן געהאט פאר מיר שלעכטע נייעס.

בימים ההם איז נאך די נושא פון ארגאניזאציעס וואס העלפן, נישט געווען אזוי פאפולער, איך האב היבש געטאפט אין פינסטערניש, אבער נאך אסאך חקירות ודרישות, האב איך זיך דערוואוסט איבער א מומחה וואס וואוינט אין אמעריקע, איינער וואס גיבט זיך אפ מיט דער נושא, איך האב באשלאסן אז איך וויל הערן וואס ער האט צו זאגן.

"איך געדענק ווי היינט די געשיכטע". זאגט הרב ה.

עס איז געווען אלול צייט, און צו אונזער מזל איז דעמאלס געווען א חתונה אין די משפחה, אזוי אז מיר האבן געהאט א גוטער תירוץ פארוואס מיר פארן קיין אמעריקע, אנע ציען אויפמערקזאמקייט פון פרעמדע אויגן. איך מיט מיין בני בית האבן זיך געלאזט אין וועג אריין קיין אמעריקע, צו דעם מומחה, אויף וועם אלע האבן געזאגט אז ער איז דער אדרעס וואס קען מיר העלפן. דער דאקטער האט אונז העפליך אויפגענומען, און נאכדעם וואס מיר זענען אריבער א לאנגער רייע פון טעסטן, האט ער אונז געזאגט אז עס איז דא א געוויסער באהאנדלונג וואס מען מאכט, אבער אזויווי מיר האבן דאס שוין געמאכט, און מיר זענען עטליכע מאל דורכגעפאלן, איז זיין מיינונג אז...

ער האט עס נישט געזאגט גראב, אבער מיר זענען געווען גענוג געריבן און קלוג צו מאכן איינס מיט נאך איינס, און דער אויספיר איז געווען אז ער קען אונז נישט העלפן. עס איז נישט דא וואס צו טון מער!

'דאס איז ענקער גורל', האט זיך געהערט צווישן די שורות, און אזויווי אסאך עלטערע אידן וואס זענען אוועק פון דער וועלט קינדערלאז, וועט זיין מיט אונז אויך...

ווערטער און פאפיר איז צו ארעם אראפצוגעבן וואס איך און מיין בני בית האט דעמאלס געשפירט. 'צעבראכן' איז נאר א מליצה... מיר האבן נישט געוואוסט וואו מיר הייבן אן און וואו מיר ענדיגן. וואס טוט מען ווייטער?

המשך אויף עמוד ב'

## נֹעַם שִׂיחַ

דבר המערכת • הרב ב. צ. הירש

# גליונות

**שואל: עטליכע וואכן צוריק** (וארא-בא) **האט מען אויסגעשמועסט שאלות ותשובות בענין ליינען גליונות בשעת'ן דאווענען, און יענע מאמרים האט מען בעיקר געגרעדט בנוגע חזרת הש"ץ, וואס טוט זיך ביי אנדערע חלקים פון דאווענען, איז אויך דא אזא הארבע איסור?**

**משיב:** ס'איז פארהאן גרויסע חילוקים. לדוגמא, ביי אמירת קדיש אדער קריאת התורה, ווערט קלאר גע'פסק'נט אז ס'איז אסור, אבער ווען מ'וואָרט אז דער חזן זאל אנהייבן חזרת הש"ץ, 'ויכולו' אד"ג, איז בעצם נישט דא קיין הלכה מפורשת אז ס'איז אסור, דער מציאות איז אבער, אז ס'איז כמעט לא ימלט אז מ'זאל נישט ארייגעצויגן ווערן בשעת חזרת הש"ץ אדער קדיש, וואס דעמאלס איז שוין א הלכה'דיגע שאלה. אמאל נאר צען סעקונדעס, און זייער פיל מאל קען זיך עס פארציען צו א גאנצע ברכה, און אמאל ביז אין קדושה אריין ל"ע.

א איד דערציילט, איך בין געווען אונטערן השפעה פונעם יענעם מאמר, האב איך אביסל צוגעלייגט קאפ צו דער ענין. איין נאכט האב איך געדאווענט מעריב נעבן א יונגערמאן א תלמיד חכם, וואס ער בטל'ט נישט קיין רגע. נאך שטילע שמונה עשרה זע איך ווי ער נעמט ער ארויס א קיצור שלחן ערוך פון בוזעם טאש, און כאפט אריין עטליכע סעיפים.

דער חזן הייבט אן קדיש, און ער איז נאך עוסק בתורה. זיין עניית 'אמן' און 'יהא שמיה רבה' איז געווען נאר מורמלענדיג פונעם ספר. ער האט טאקע אריינגעכאפט עטליכע סעיפים פונעם קיצור, אבער צו דער זעלבער צייט האט ער ליידער פארפאסט אנדערע סעיפים פונעם שו"ע...

'אמן יהא שמיה רבה' דארף מען זאגן בכל כוחו, ווי רש"י טייטשט 'בכל כח כוונתו', און אודאי נישט ארייגלייגן דער קאפ אין אנדערע זאכן, אפילו בדברי תורה, דער תכלית פון לימוד התורה איז דאך 'לשמור ולעשות ולקיים'.

און אפילו בשעת מ'זינגט פארן אויבערשטן, איז לאו דוקא א מצוה אנצוהייבן לערנען. א איד האט צוגעוויזן א שטארקע ראיה דערצו פון א לשון אין שלחן ערוך הרב (סי' רפא), וואס שרייבט: 'יש להאריך ולהנעים בניגון הזמירות של שבת בשביל כבוד היום. ואין למחות בשליח צבור שמאריך בהם בניגון, אף על פי שהמוחה מתכון משום ביטול תורה'.

אויב קען מען נעמען א ספר אין האנט און מעיין זיין בדברי תורה, ווי איז בכלל שייך ביטול תורה ביים זינגען? אלא מאי, נעמען א ספר בשעת'ן לערנען קומט נישט אין באטראכט!

*

**שואל: וואס טוט זיך מיט איינער וואס ווייסט ביי זיך קלאר, אז ער קען זיך אפשטעלן תיכף ווען מ'הייבט אן חזרת הש"ץ אדער קדיש, איז דא עפעס א פראבלעם מיט דעם?**

**משיב:** מ'קען נישט זאגן אז ס'איז אסור, אבער ס'איז זיכער נישט קיין ביטול תורה זיך אפצוהאלטן דערפון, ווייל אפילו איינער וואס ווייסט ביי זיך קלאר אז ער איז נאך 'קיינמאל' נישט אריינגעצויגן געווארן אין א קדיש, אדער א ברכה פון חזרת הש"ץ, דארף ער אבער קלערן וואס טוט זיך מיט אידן וואס שטייען ארום אים און לערנען זיך אפ פון זיינע מעשים ברבים, און וואס טוט זיך מיט זיינע אייגענע קינדער, צי זיי זענען אויך אזוי שטארק נזהר ווי אים זיך אפצושטעלן אויפן רגע. קיינער ווייסט דאך נישט, אפשר וועלן זיי זיין אביסל גרעסערע מתמידים ווי אים און אריינצי'ען נאך א מינוט/צוויי...

א בעל משפחה איז צוגעקומען זאגן: "מ'דארף מער שרייבן וועגן די 'גליונות'. מיינע בחורים ליינען צופיל בשעת'ן דאווענען". ס'איז מיר געווען א חידוש, ווייל שבת ביים ליינען האב איך פונקט באמערקט ווי דער זעלבער איד זיצט מיט א חומש, און אונטער דעם האט ער א קונטרס הגליונות, אלזא וואס רעדט ער זיך אפ אויף זיינע בחורים?...

כ'האב צוגעלייגט קאפ, און געזען אז ער איז טאקע א קארעקטער מענטש, ער קוקט ממש 'נאר' בין גברא לגברא, די רגע וואס מ'הערט 'ברכו' איז שוין דער גליון פארמאכט, ער ציט נישט אריין, און ביי זיך זעט ער נישט קיין שום פראבלעם. די מעשה איז נאר, אז זיינע קינדער האבן גע'ירש'נט דעם מנהג פון גליונות, אבער נישט זיין פונקטליכקייט...

ממילא איז שטארק יתכן, אז דאס איז נאך א סיבה זיך אפצוהיטן. ווייל אפילו איינער וואס איז יא הונדערט פראצענט אויסגעהאלטן, דארף ער טראכטן וועגן זיינע קינדער און זיינע אלע ארומיגע, וואספארא השפעה ס'האט אויף זיי.

*

**שואל: אויב נישט אריינקוקן אין א ספר, וואס דען דארף מען צו טון בשעת מ'ווארט אויפן בעל תפילה נאך קרי"ש אדער נאך שמו"ע, סתם גולמ'ן?...**

**משיב:** עס זענען דא צענדליגער עדות וואס דערציילן, אז זינט זיי האבן אויפגעהערט נעמען דעם גליון אונטערן סידור, דאווענט זיך אסאך רואיגער, און ס'בלייבט ווייניגער צייט...

א איד דערציילט, ער דאווענט אין א גרויסן בית המדרש, בשעת'ן דאווענען פלעגט ער נישט צורירן קיינע גליונות, אויסער נאך קרי"ש און שטילע שמו"ע, לעצטנס האט ער מקבל געווען בל"נ, אז אפילו נאך קרי"ש, און פאר שטילע שמו"ע, וועט ער אויך נישט ליינען קיין גליונות, און ווי אויטאמאטיש, זאגט ער, האט ער אנגעהויבן ליינען קרי"ש און דאווענען שמו"ע מיט אסאך מער מתינות, ער האט מער נישט צו וואס זיך צו איילן. אז עס ווארט מיר גארנישט אפ מיט וואס אנצופילן די צייט, קען איך דאך מאריך זיין ביי 'וטהר לבנו לעבדך באמת...'

*

## הוּא מוֹשִׁיעֵנוּ

המשך פון עמוד א'

עס האט אויסגעזען ווי עס איז פשוט נישט דא וואס צו טון.

אונזער רייזע אין אמעריקע האט זיך געענדיגט ביטער. מיר האבן זיך געגרייט צוריקצופארן קיין ארץ ישראל צו אונזער היים, וואו מיר וועלן זען וואס מיר קענען טון.

### בקודש פנימה

מיר זענען אנגעקומען אהיים און זיך געגרייט אויף ראש השנה, ווען אינצווישן האב איך באשלאסן אז איך וועל אריינגיין דערציילן פאר מיין רבי'ן וואס די דאקטוירים האבן מיר געזאגט. איך בין א תולדות אהרן חסיד, און אין יענער צייט איז נאך דער רבי געווען היבש א פרישער רבי, איך בין נאך געווען היבש היימיש מיט אים, און זייענדיג נאנט בין איך אריין און זיך אויסגעגאסן מיין הארץ.

די ווערטער וואס איך האב דעמאלס געזאגט ליגן מיר נאך אין די ביינער. איך האב אים דערציילט גענוי וואס דער דאקטער האט געזאגט, און איך האב צוגעלייגט אז, איך האב געקענט אסאך עקרות, אידן, גרויסע לייט וואס זענען אוועק קינדערלאז רח"ל. איך האב אויסגערעכנט די נעמען פון **הגה"ק רבי משה ארי' פריינד זצוק"ל**, דער **סאטמארער רב זצוק"ל**, דער **בעלזער רב זצוק"ל**, דער **חזון איש זצוק"ל** און נאך, ווען איך זאג דערביי פארן רבי'ן, אז די אלע אידן זענען טאקע נפטר געווארן קינדערלאז, אבער זייער נאמען וועט לאנג געדענקט ווערן אין דער וועלט, און דורי דורות ארום וועט מען נאך רעדן פון זיי, "אבער איך רבי, ווער וועט געדענקען פון מיר? ווער וועט וויסן אז איך האב אמאל עקזיסטירט?"

"א קאץ איז שוין בעסער ווי מיר, א קאץ האט כאטש קינדער, אבער מיין סוף וועט זיין ערגער ווי א קאץ. מען וועט מיר אריינלייגן אין דער ערד און קיינער וועט מיר קיינמאל נישט געדענקען".

איך האב אזוי אויסגעגאסן מיין ביטער הארץ פאר מיין רבי'ן. דער וויטאג איז געווען אזוי גרויס, אז איך האב זיך ערלויבט ארויפצולייגן אויפן טיש אלעס, און ווסנדיג אז דער רבי הערט מיר אויס, האב איך ממשיך געווען צו שילדערן מיין איבערלעבעניש.

איך האב געענדיגט רעדן, און דער רבי זיצט און שווייגט. זיינע אויגן זענען געווען ליבליך אבער פארטראכט, עס איז קענטליך אז ער שפירט מיט מיין צער, און זיינע געדאנקען וואנדערן ארום, ער טראכט וואס ער קען מיר ענטפערן.

נאך געציילטע מינוטן פון שוויגעניש דרייט זיך דער רבי' אויס צו מיר און רופט זיך אן: "איך האב אן עצה פאר דיר, איך האב א רבי' וואס ער איז א

המשך אויף עמוד ו'

# מזמור שיר ליום השבת (ד)

מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת:

## הייליגע תיקונים

**דער** הייליגער בעל **באר מים חיים** אין זיין ספר **סידורו של שבת** שרייבט אויף עטליכע פלעצער איבער די געוואלדיגע תיקונים וואס ווערן געמאכט ווען אידן זאגן 'מזמור שיר ליום השבת', און די רחמים וחסדים וואס ווערט נשפע אויף דער וועלט דורכן זאגן דעם מזמור.

ווי ער שרייבט בלשה"ק (ח"א, שורש ב, ענף א, עלה ב): 'כי אנו מזמרין ומספרין בשבח הגדול של שבת ואומרין מזמור שיר ליום השבת, פי' הוא השבח הכולל את כל יום השבת שכללות שבו הוא המעלה שטוב בו להודות לה' שטוב ונאה ויפה להיו' השבת לה' ולזמר ולהודות בו כולו לה' אל עליון... וגם מעלת ליל השבת שלא באה לכלל הזה כנזכר למעלה, אך ואמונתך בלילות שאמונתינו חזקה, ואנו מאמינים בה' אלהי ישראל שדרכו ורצונו להמתיק הדין מעלינו בלילה הזה, ונהפכו לרחמים גמורים בכח אור זיו ומפיק נגה המאיר מקודשתו יתברך'.

## די קליפות ווערן פארשניטן

**אין** סידור **עולת תמיד** (שינאווע, סדר קבלת שבת) ווערט געברענגט, אז 'מזמו"ר' איז א לשון פון פארשניידן, ווייל ערב שבת ווערן פארשניטן די זמורות החוחים הסובבים את השושנה העליונה.

אזוי אויך ווערט געברענגט אין ספר **אור השבת** (ח"ב, דף קו) בשם דער ספר **ליקוטי הרמח"ל**, אז דורכדעם שיר של יום השבת ווערן פארשניטן אלע קליפות, און דורכדעם גייען די שירות ותשבחות פון שבת קודש ארויף אומגעשטערט, נישט ווי אינמיטן וואך וואס די חיצונים קענען רח"ל האבן א שליטה.

*

טוֹב לְהֹדוֹת לַה' וּלְזַמֵּר לְשִׁמְךָ עֶלְיוֹן:

## זיך אנזאפן מיט אמונה אויף די גאנצע וואך

**אין 'סידור חסידי אשכנז'** (עמוד נד) שטייט, אז די סיבה פארן זאגן דעם מזמור בליל שבת איז, וויבאלד אגאנצע וואך זענען רוב מענטשן פארנומען מיט זייער פרנסה, און קומען בלויז שבת אין בית הכנסת, וועגן דעם לאזט מען זיי דעמאלס הערן דעם מזמור, וואס רעדט פון די הצלחה פון די צדיקים, און די פורעניות פון רשעים, וואס דאס זענען די יסודות האמונה.

מער באריכות ווערט עס אויסגעשמועסט אין ספר **'חיים ושלום'** פון **הרה"ק בעל מנחת אלעזר ממונקאטש זי"ע** (פר' פינחס, ד"ה את הכבש האחד), אז דער מענטש איז אגאנצע וואך פול מיט דאגות, טירדות און צרות, וועגן דעם ווען עס קומט שבת קודש קומט אים דער פסוק מחזק זיין און טרייסטן, כדי זיין נפש זאל זיך בארואיגן, און ער זאל זיך נישט אפרעדן חס ושלום אויף די הנהגה פון השי"ת.

וועגן דעם זאגט אים דער פסוק: **'טוב להודות לה' ולזמר לשמך עליון'** - עס איז אלעמאל גוט צו דאנקען דעם באשעפער, סיי ווען עס איז **'בבוקר חסדך'** - ווען עס שיינט אים די הצלחה, און סיי ווען עס איז **'אמונתך בלילות'**, ווען מען דארף זיך מחזק זיין מיט אמונה און בטחון, ווייל עס איז אין א בחינה פון לילה. אלעמאל זאל מען געדענקען אז די הנהגה פונעם אויבערשטן איז בלויז טוב.

רבי **מאטיל סלאנימער** ברענגט (מאמר מרדכי עמוד שיא) פון זיין רבי'ן **הרה"ק בעל בית אברהם מסלאנים זי"ע**, אז טאקע דורכן זאגן דעם מזמור פרייטאג צונאכטס מיט א שמחה און יראה קומט מען צו אמונה, און דאס איז פשט אין פסוק **'להגיד בבוקר חסדך ואמונתך בלילות'**, אז דורך די לילות פון שב"ק, קומט מען צו אמונה אויף אגאנצע וואך.

## שבת לערנט אונז אז 'טוב להודות לה'!'

**דער** הייליגער **ישמח ישראל זי"ע** שרייבט (פ' תשא, אות ג), אז שבת קודש לייטערט אויס א איד אז ער זאל נישט גלוסטן, און נישט האבן קיין שום השתוקקות צו גארנישט אויף דער וועלט, נאר צו טון דעם רצון ה'. ווייל ווילאנג די איברים פונעם מענטש זענען פארשמירט מיט עבירות גלוסט ער נישט צו דברים רוחניים און צו טוב, אזוויו דוד המלך ע"ה זאגט (תהלים מ, יג): **הִשִּׂיגוּנִי עֲוֹנֹתַי וְלֹא יָכֹלְתִּי לִרְאוֹת**, און דער שבת ברענגט אז דער מענטש זאל קענען זען און משיג זיין אז באמת איז 'טוב להודות לה''.

## דער שבח והודאה איז ממליץ טוב

**נאך** שטייט אין סידור **עולת תמיד** (שחרית לשבת), אז דער 'טוב' איז טאקע די 'הודאה' אליין, ווייל דער מענטש באקומט שכר אויף די הודאה און שבח, און דער שבח וואס דער איד זינגט צום רבונו של עולם גייט ארויף, און איז ממליץ טוב אויפן מענטש וועלכער זאגט איר מיט כוונה און שמחה. ווייל צוליב דעם איז דער מענטש באשאפן געווארן צו לויבן און דאנקען דעם אויבערשטן, און דער עיקר כוונה פון בריאת העולם איז געווען צוליב דעם, ווייל די תפילות פון א צדיק מאכט א רושם און הימל, און עס ברענגט אראפ א ליכטיגקייט אויף אלע עולמות.

*

לְהַגִּיד בַּבֹּקֶר חַסְדֶּךָ וֶאֱמוּנָתְךָ בַּלֵּילוֹת:

## לויט די קדושה פון די נעכט

דער הייליגער **רוזינער זי"ע** האט געטייטשט: **'ואמונתך בלילות'** - די אמונה פון א איד ווענדט זיך לויט די טהרה פון זיינע נעכט. לויט וויאזוי מ'רעכט אפ די נעכט בקדושה ובטהרה איז מען זוכה צו אמונה.

## דורך אמונה ווערט אלעס איבערגעדרייט לטובה

**דער בעל שם טוב הקדוש** האט געטייטשט דעם פסוק: **'כי הנה אויביך ה' כי הנה אויביך יאבדו'**, אז אויב גלייבט א מענטש אז אפילו אין אן עת צרה ח"ו - וואס איז אין די בחינה פון אן 'אויב' - אז דאס איז אויך פונעם אויבערשטן, און באמת איז אלעס רחמים וחסדים, איז ער מיט דעם גורם אז עס זאל זיין 'אויביך יאבדו', און 'יתפרדו כל פועלי און', און אלעס ווערט איבערגעדרייט לטובה. ווייל דורך די אמונה אז קיין שום שלעכטס קומט נישט אראפ פון הימל, ווערט נתגלה די חסדים נסתרים וואס זענען געווען באהאלטן אין די דינים נגלים. (בעש"ט, ויילך, יב)

**הרה"ק רבי אהרן מבאיאן-טשערנאוויץ הי"ד** טייטשט אויך מיט דער בחינה דעם פסוק **'להגיד בבוקר חסדך ואמונתך בלילות'**, אז דורכדעם וואס מען גלייבט און מען האט אמונה אפילו ווען עס איז 'בלילות', איז מען זוכה אז עס זאל זיין 'להגיד בבוקר חסדך', אז מען זאל קענען זען די חסדים גלויים, און עס זאל זיין 'ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו'. (תולדות אהרן)

## 'ואמונתך' בלילות

**ד**ער **תפארת שמואל פון אלכסנדר** האט געפרעגט: לכאורה וואלט געדארפט שטיין **'ואמונתינו'** בלילות; 'אונזער' אמונה אין די נעכט? אמונה איז דאך עפעס וואס איז די עבודה און מעלה פון כלל ישראל, אז מען גלייבט מיט אמונה פשוטה אפילו אין די שווערסטע מצבים. אויב אזוי איז דאך עס די אידנ'ס אמונה און נישט די אמונה פונעם כביכול?!

נאר דער אמת איז, אז דער אויבערשטער האט אמונה אין כלל ישראל, ער גלייבט אין די געוואלדיגע גרויסקייט און כח פון אידן, וועלכע זענען דורך אזויפיל צרות און יסורים און דאך האבן זיי נישט פארלוירן די האפענונג און בטחון אין אים.

דאס איז פשט: **'להגיד בבוקר חסדך'** - מיר לויבן אויף דיינע חסדים, און **'אמונתך בלילות'** - מען דערציילט אין די שווערע זמנים די אמונה וואס דער אויבערשטער האט אין אונז, אז ער האט אונז געטרויט אז מיר וועלן בלייבן געטריי צו אים אפילו ווען עס איז חס ושלום לילה.

הרה"ג **רבי דוד הירשלער** שליט"א

# וואס מיינט 'דאווענען'? (ב)

## איז וואס מיינט יא דאווענען?

מיר האבן גערעדט פון דעם ערשטן סארט מתפלל, וואס שיקט זיין מויל אלס שליח נאמן צו זאגן אלע ווערטער... מיר האבן גערעדט פון דעם צווייטן סארט מתפלל וואס בעט נישט קיין שום בקשות; ער איז נאר פארנומען טראכטן 'די טייטש' פון יעדעס ווארט. אצינד וועלן מיר אויסשמועסן **די ריכטיגע וועג וויאזוי א איד דארף צוגיין צום דאווענען.**

יעדער איד האט אין הארץ אומצאליגע רצונות, תשוקות און חלומות. ער וויל מצליח זיין אין רוחניות; ער וויל מצליח זיין אין גשמיות; ער וויל גוטע קינדער; ער וויל שפירן א טעם אין לימוד התורה; ער וויל הרחבת הדעת; ער וויל האבן יראת שמים; ער וויל פרנסה בהרחבה; און ער וויל סייעתא דשמיא; א אידיש הארץ איז איבערגעפילט מיט רצונות, עס וויל, און וויל, און וויל, דער **חזון איש** שרייבט א לשון: **'אין לך רגע שאינם חולפים בלב אדם אלפי רצונות'** - יעדע רגע לויפן דורך אין א מענטש'ס הארץ טויזנטער רצונות.

**ווען דו עפנסט דעם סידור, נעם די אלע רצונות, גיס עס אויס פארן אויבערשטן! גיב ארויס מצפוני לבך, דיינע בקשות, דיינע שאיפות, זאג אים אלעס! זיי זיך מתחנן פארן בורא עולם ווי א קינד בעט זיך צו זיין טאטן, זאג אים דיינע כשלונות, און בעט פון אים אלע דיינע בקשות.**

*

## זיי א בעטער!

**ווען** א איד מאכט ביי זיך קלאר, אז קיינער קען אים נישט העלפן נאר בורא עולם אליין. נישט דער חבר און נישט יענער עסקן, וועט דאך פון זיך אליין ארויסשרייען פון אים: "טאטע העלף מיר אין אלע מיינע ענינים. נאר דו קענסט ממלא זיין מיינע חסרונות!"

דאס איז דער ערשטער יסוד אין תפילה: זיי א בעטער! זיי א מבקש, זיי א מתחנן. דאס שטייט דאך אין פסוק (איכה ב, יט): **'שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ נֹכַח פְּנֵי ה'"**. און אויך אין תהילים (סב ט): **'בִּטְחוּ בוֹ בְכָל עֵת עָם שִׁפְכוּ לְפָנָיו לְבַבְכֶם אֱלֹקִים מַחֲסֶה לָּנוּ סֶלָה'.**

עס זענען פארהאן פוסקים וואס האלטן, אז אויב עס פעלט אט-די הכרה פון זיין א **מבקש**, האט מען נישט יוצא געווען אפילו בדיעבד. דער **ביאור הלכה** נעמט אן למעשה אז מען זאל נישט איבערדאווענען, אבער ער שרייבט גאר א שטארקע לשון **'מאוד צריך להזהר בזה'.**

*

## רעד וואס דו טראכסט!

**עס** זענען דא וואס שטעלן זיך דאווענען מיט בלויז איין רצון אין הארץ; איך וויל האבן א גוטע דאווענען היינט! ס'זאל זיך דאווענען געשמאק, מיט א גוטן אפעטיט, א חיות, התלהבות און א ברען, אבער חוץ פון דעם בעט ער נישט פונעם בורא עולם גארנישט.

נאכן דאווענען זאגט אים איינער: 'זאלסט האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס'. איז מיר שווער א קשיא, וואס טייטש זאלסט האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס? אוודאי האט ער גע'פועל'ט! ער האט דאך געהאט א גוטן דאווענען, און דאס האט ער געוואלט, האט ער דאך שוין גע'פועל'ט, ער האט נישט געבעטן גארנישט מער פון דעם...

דארף מען זיך מאכן קלאר, אז תפילה מיינט זיין א מבקש! מען דארף מאכן א מהפיכה אין קאפ, ווייל ווען מיר זענען געווען קינדער האט מען אונז אויסגעלערנט, אז תפילה איז דער טייטש 'טראכט וואס דו רעדסט', זאגסט א ווארט, גיי נישט ווייטער, שטעל זיך אפ, טראכט דער באדייט, און אזוי ווייטער; רעד און טראכט, רעד און טראכט נאכאנאנד דאס גאנצע דאווענען...

אבער דאס האט מען אונז געזאגט אלס קינד, ווייל דאס איז שייך פאר קינדער. אבער באמת איז דאס פונקט פארקערט; נישט 'טראכט וואס דו רעדסט', נאר 'רעד וואס דו טראכסט'! דאס וואס דו טראכסט אין דיין הארץ דאס זאלסטו רעדן, **דו טראכסט דאך, דו ווילסט דאך, דו גלוסט דאך, דו האפסט דאך, דו לעכצט דאך, זאג ארויס די אלע זאכן פאר בורא עולם! שפכי כמים לבך, שפכו לפניו לבבכם!**

און אט-די דאזיגע הכרה, די קלארקייט, די הרגשה פון זיין א מתחנן ומבקש, דאס איז גאר א טייערע און גרויסע דערגרייכונג. דער **חזון איש** שרייבט: **'כשיזכה האדם, ויהיה תפילתו רחמים ותחנונים לפני המקום'** - ווען א מענטש איז זוכה אנצוקומען צו דעם מצב פון זיין א מתחנן פאר בורא עולם; **'כבר זכה בדבר היקר ביותר עלי חלד'** - האט ער דערגרייכט צו די טייערסטע זאך אויף דער וועלט.

עס זענען פארהאן אין דעם מדריגות לאין ערוך, יעדער מענטש כפי נפשו וכוחותיו, אבער על כל פנים דאס איז דער ציל וואס א איד דארף שטרעבן, נאך אביסעלע מבקש, נאך א ברעקעלע מתחנן, ווייל דאס איז הדבר היקר ביותר עלי חלד.

*

## דער בורא עולם איז אט-דא פאר דיר!

**יעצט** שטעלט זיך די גרויסע שאלה: מה הוא הדרך? וואס איז דער וועג? וויאזוי קומט מען אן צו ווערן א שופך לב לפני השם?

אין **מסילת ישרים** שטייט א לשון (פרק יט), וואס ווען נישט דער מסילת ישרים זאגט עס, וואלט מען עס אפשר נישט געמעגט זאגן. אבער מיר זאגן נאר איבער לשונו הזהב מילה במילה: **'במעט התבוננות ושימת לב, יוכל לקבוע בלבו אמיתת הדבר, איך הוא בא ונושא ונותן ממש עמו יתברך, ולפניו הוא מתחנן ומאתו הוא מבקש, והוא יתברך שמו מאזין לו מקשיב לדבריו, כאשר ידבר איש אל רעהו ורעהו מקשיב שומע אליו'.**

א מענטש וואס איז א בעל לב, א בעל נפש, א בעל מחשבה, אזא סארט מענטש קען שפירן מיט אביסל התבוננות ווי ער האנדלט מיטן בורא עולם, ער פארפירט א שמועס כביכול מיט הקב"ה. ער רעדט צו אים אזוי ווי א מענטש רעדט צו זיין חבר, און דער באשעפער הערט אים אויס.

עס זענען דא וואס שטעלן זיך דאווענען מיט די הרגשה אז איך בין דא אונטן אויפן עולם הזה און איך בין מתפלל, און ערגעץ ווייט ווייט טויזנטער מייל אין דער הייער אין הימל זיצט בורא עולם און מיין תפילה קומט אן צו אים דארט. קען זיין ער וועט א בליק טאן אויף מיין תפילה...

דארף מען זיך מאכן קלאר אז עס איז נישט אזוי. פון וואו ווייס איך דאס? עס זענען צוויי פסוקים מפורשים אין די תורה, אז חוץ

המשך אויף עמוד ו'

### אַדִּיר וְחָזָק
ציטוטים קצרים מספה"ק על עוצם כחה של תפלה

**התפילות הם במקום הקרבנות ממש**

**הנה**, בזמן שביהמ"ק היה קיים, היה לנו הקרבנות להמתיק כל הדינין לרחמים, וכשהיה אדם חוטא, הקריב קרבן ונתכפר לו, ועתה שאין לנו ביהמ"ק, ישולם פרים שפתינו, ונתייסדו התפילות במקום הקרבנות, וע"י התפילות של שחר ומנחה וערבית, או בכל עת שאדם עומד ומתפלל, ושופך שיחו לפני הבורא בכוונת לבו מעומק הלב, בוודאי שהוא רצויה לפניו יתברך 'כהקרבת הקרבן ממש', וכאילו הקריב נפשו לד', ונמתקין כל הדינים לרחמים וחסדים גדולים ע"י התפילות שמתפלל. (באר משה קאזניץ - בפרשתינו)

### וַיַּשְׁמִיעֵנוּ
ידיעות שונות ומטמוניות נפלאות בנושא של תפלה

**סגולה לבטל מחשבה זרה**

**וכי יזיד איש**, מכאן נוכל למצוא רמז למש"כ בסידור האר"י ז"ל, כי הרמ"ק קיבל מפי אליהו ז"ל לבטל מחשבה זרה, לומר פסוק 'אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה', ומרומז בפסוק, וכי יזיד איש, היצר הרע, על רעהו להרגו בערמה, במחשבת ערמומית וכוזבת, אז מעם 'מזבחי' תקחנו למות, דהיינו הסגולה לומר הפסוק אש תמיד תוקד על 'המזבח' כנ"ל, ויעבור רוח הטומאה מן הארץ. (עבודת ישראל - בפרשתינו)

## דער שליח ציבור ביים בעל שם טוב הק'

**הרה"ק רבי דוד ממיקאלייעב זי"ע** איז געווען פון די גרויסע תלמידים פונעם **בעל שם טוב הקדוש**. ער האט געדינט אלס שליח ציבור אין בית המדרש פונעם הייליגן בעל שם טוב ביי מוסף פון יום הקדוש.

ער פלעגט כסדר זאגן, אז דער עיקר פון וואס מ'דארף כסדר רעדן און שטענדיג מורא האבן איז פון די מידה פון גאוה. אין ספר **יושר דברי אמת** שטייט, אז ער האט געהערט פון אן עלטערן איד, וואס זיין צורה איז ווי א מלאך אלקים, דאס איז הגאון הקדוש רבי דוד ממיקאלייעב זצ"ל, אז היינטיגע צייטן שטארקט זיך דער יצר הרע זייער שטארק אריינצוברענגען די שלעכטע מידה פון גאוה.

*

## אין תפילה קען מען גארנישט טון!

**אין** די הקדמה צום ספר בעל שם טוב על התורה, ווערט דערציילט די באקאנטע מעשה, וואס ברענגט ארויס דאס וואס דער בעל שם טוב הק' האט געלערנט זיינע תלמידים, אז מען דארף צוקומען צום אויבערשטן יעדע רגע, און מ'דארף כסדר מתפלל זיין פאר סייעתא דשמיא, ווייל אן תפילה קען מען זיך נישט געבן קיין ריד.

די מעשה איז געווען ווי פאלגנד:

דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע האט אמאל געזאגט אז ער וויל שיקן איינער פון זיינע תלמידים צו א ווייטע שטאט טילגעשט, וואו מ'מאכט ווין, כדי אכטונג צו געבן פון אנהויב שניידן די טרויבן, ביזן פארזיגלען די פעסער, אז א גוי זאל חלילה נישט צורירן דערצו, עס זאל נישט ווערן יין נסך, און עס זאל זיין מיט אלע חומרות און הידורים וואס נאר מעגליך.

אויף אט-דער הייליגער שליחות האט דער בעל שם טוב אויסגעוועלט זיין תלמיד הרב הקדוש ר' דוד ממיקאלייעב זי"ע. רבי דוד האט מיט פרייד אנגענומען דאס הייליגע שליחות, און סוף זומער ווען מ'לעזט די טרויבן, איז רבי דוד שוין געווען דארט, און האט זיך אויפגעהאלטן צוויי חדשים אלול און תשרי, און שטארק אכטונג געגעבן אויף די ארבעט פונעם ווין מיט א שטארקע השגחה אן קיין היסח הדעת, אז אלעס זאל זיין אויפן בעסטן אופן אזוי ס'פאסט פאר זיין הייליגן רבי'ן.

ס'איז אים נישט גרינג אנגעקומען די ארבעט, זיין יעדן טאג אויפן פעלד ביים שניידן און ביים פרעס, נאכדערצו זיין גאנץ חודש תשרי אין דער פרעמד, נישט אינדערהיים און נישט ביי זיין רבי'ן, ס'האט אים נאכמער ווי-געטון אז ער וועט מוזן זיין די הייליגע טעג אין א ווייטע פארווארפענע שטאט, אבער ער האט אלעס אנגענומען מיט א ליבשאפט און חשק, כדי צו ערפילן דעם רצון פונעם הייליגן בעל שם טוב.

נאך סוכות איז ער נאך פארבליבן דארט עטליכע וואכן ביז אלעס איז פארטיג געווארן, דערנאך האט ער זיך גענומען גרייטן אהיימצוטראגן די ווין צו זיין הייליגן רבי'ן, אבער אזוי נאך סוכות איז געווענליך א רעגן צייט, וואס דאס מאכט אז די וועגן זענען שטארק פארפלייצט, איז אים זייער שווער אנגעקומען דאס פארן. אלע וועגן זענען געווען פול מיט בלאטע, און ס'האט געהאלטן אינאיין רעגענען, שטורעמישע ווינטן האבן געבלאזן, און צומאל איז געפאלן שווערע שנייען.

אבער ר' דוד האט מיטן גרעסטן מאס מסירת נפש אכטונג געגעבן אויף די ווין אז עס זאל נישט זיין קיין רגע אן א שמירה, ער איז געפארן אין די גרעסטע שניי און בלאטע, ביז ער איז ענדליך אנגעקומען קיין מעזיבוז.

מיט גרויס פרייד אז ער האט דורכגעמאכט די שווערע נסיעה, און זוכה געווען צו ברענגען די כשר'סטע ווין פאר זיין הייליגן רבי'ן, איז ער אריין צום בעל שם טוב צו זאגן די בשורה טובה אז ער האט שוין געברענגט די ווין.

יענע רגע איז דורכגעפארן א קאזאק, א סאלדאט פון די פאליציי פון מעזיבוז, וואס האט אכטונג געגעבן אז מ'זאל נישט שווערצן קיין סחורה פון אנדערע לענדער, און ווי נאר ער האט באמערקט די פעסער האט ער אנגעהויבן שרייען אז מ'האט געשווערצט ברוינפן.

ער האט געהייסן מ'זאל שוין עפענען די פעסער. ער האט אריינגעשטעקט זיין שפיז אינעם פאס, צו קוקן צי ס'איז נישט קיין ברוינפן. ווען ער האט געשפירט אז ס'איז נאר ווין איז ער אוועקגעגאנגען, אבער די גאנצע ווין איז געווארן יין נסך'.

ר' דוד האט געהאט אן אויסערגעוועגליכער צער, זענענדיג ווי זיין גאנצע הארעוואניע איז געגאנגען לטמיון, און מ'מוז אויסגיסן דאס גאנצע ווין. ער האט ממש נישט געקענט צו זיך קומען.

ער איז אריינגעלאפן צום בעל שם טוב און שטארק געוויינט, זאגנדיג: רבי, פארוואס קומט מיר אזא שטראף, אז מיין גאנצע מסירת נפש און איבערמענטשליכע פלאג זאל גיין לאיבוד?

האט אים דער הייליגער בעל שם טוב געענטפערט: אמת, דו האסט זיך טאקע מוסר נפש געווען מער ווי דיינע כוחות. דו האסט געטון אלעס אויף דער וועלט אפצוהיטן די ווין מיט אן אויסטערלישע שמירה. אבער פונעם עיקר שמירה האסטו פארגעסן - דאס איז דער הייליגער באשעפער. דו האסט געדארפט מתפלל זיין צו הקב"ה אז ער זאל עס אפהיטן, און ווייל דו האסט נישט מתפלל געווען צום אמת'דיגן שומר, האט פאסירט וואס דער פסוק זאגט, אם ה' לא ישמור עיר שוא שקד שומר, אויב השי"ת וועט נישט אפהיטן די שטאט, פלאגט זיך דער שומר אומזיסט.

*

## די ריכטיגע ווער פון זאגן מוסר

**הרה"ק רבי איצקל מסקווירא זי"ע** האט געזאגט אז ער האט געהערט פון זיין פאטער, דער **טשערנאבילער מגיד זי"ע**, אז אמאל איז געקומען אינעם שטאט מעזיבוז א מוכיח, וועלכער האט געזאגט מוסר פאר אידן. בתוך דבריו האט ער גערעדט דברי גנות אויף כלל ישראל, און האט מקטרג געווען אז מ'פירט זיך נישט ערליך. איז צוגעגאנגען צו אים **הרה"ק ר' דוד ממיקאלייעב זי"ע** און אים אראפגעפירט פון די בימה.

איז דער מוכיח אריין צום **בעל שם טוב הק'** זיך אפרעדן אויף רבי דוד, אז ער האט אים מבזה געווען, און נישט געלאזט מוסר זאגן. האט דער בעל שם טוב געפרעגט פון זיין תלמיד רבי דוד פארוואס ער האט עס געטון. האט רבי דוד געענטפערט, ווייל ער האט גערעדט שלעכטס אויף אידן.

האט דער בעל שם טוב געזאגט אז רבי דוד איז גערעכט, און ער האט מפרש געווען דעם פסוק (משלי ג, יא): 'מוסר ה' בני אל תמאס', אז דער פשט איז: 'מוסר ה'' - אויב דו ווילסט זאגן מוסר, דאס איז זייער גוט, אבער מיט איין תנאי: 'בני אל תמאס' - רעד נישט אויף מיינע קינדער!

עבודת התפילה
אצל הרה"ק מרן
רבי דוד ממיקאלייעב
זיעועכי"א
כ"ה שבט
תק"ס לפ"ק

?

## מְשָׁרְתָיו שׁוֹאֲלִים

שו"ת בהלכות תפלה הנוגעים בכל יום

### זאגן תהלים בין גברא לגברא

**שאלה: מען האט געשריבן אז מען טאר נישט רעדן בין גברא לגברא, איך בין א פרוי, און איך וויל וויסן צי מען מעג זאגן תהלים בין גברא לגברא?**

**תשובה:** סיי מענער און סיי פרויען מעגן זאגן תהלים בין גברא לגברא, אזוי אויך מעג מען לערנען ביחידות, אבער מענער וואס זענען מחוייב מיט הערן קריאת התורה, זאלן אויסרעכענען פריער אז עס זאל זיך נישט אריינציען אינעם ליינען.

די שאלות ווערן געענטפערט דורך
הרה"ג ר' **נחום צבי מאיר ראזענפעלד** שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא, ובעל הליכות החיים

איר קענט אנפרעגן א שאלה בעניני תפלה וקרה"ת דורכן רופן דעם קרן תוי"ט האטליין און דרוקן 2#

## מַשְׁמִיעִים קול

מגידים מפורסמים משמיעים קול בגודל כח התפלה וסגולתה

המשך פון עמוד ד'

פון דעם וואס דער בורא עולם איז א 'שומע' תפילת כל פה, און דער בורא עולם איז 'מקבל' ברחמים וברצון את תפילותינו, אויסערדעם איז דא נאך א זאך, וואס איז דאס? **ער איז 'קרוב' צו דעם מתפלל! ער געפינט זיך נאנט צו אים! און ער הערט דיר אויס דא נעבן דיר!**

אזוי שטייט מפורש אין פסוק (תהלים קמה, יח): **'קָרוֹב ה' לְכָל קֹרְאָיו'**. עס שטייט נישט 'שומע' השם לכל קוראיו, עס שטייט אויך נישט 'מקבל' השם תפילת קוראיו, עס שטייט קרוב! אזוי אויך שטייט (דברים ד, ז): **'אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו, בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו'.**

און אזוי ווערט גע'פסק'נט אין **שולחן ערוך**, אז מען זאל זיך מצייר זיין כאילו עומד בארץ ישראל, בירושלים, אין בית המקדש, אין קודש הקדשים, נאכנישט געגוג; בין הבדים! דארט שטייט ער. אונזער תורה איז דאך תורת אמת, פארוואס זאל מען זיך מצייר זיין כאילו ער שטייט דארט ווען ער שטייט דאך נישט בין הבדים? דער שולחן ערוך זאגט נישט מען זאל זיך מצייר זיין ווי מען איז דער שליח ציבור ראש השנה ביי מוסף, ווייל דו ביסט דאך נישט, נו פארוואס בין הבדים יא?

דער ענטפער איז ווייל דו געפינסט זיך באמת דארט! ווייל אזוי שטייט אין פסוק 'קרובים אליו'!

מיט דעם התבוננות וועלן מיר זוכה זיין, אז מיר זאלן זיין מתחננים, מיר זאלן ווערן מבקשים, וואס ווי דער חזון איש זאגט 'כבר זכה בדבר היקר ביותר עלי חלד'!

*

## הוּא מוֹשִׁיעֵנוּ

סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות הקבלה בקדושת התפלה

המשך פון עמוד ב'

מינוטן פון שווייגעניש דרייט זיך דער רבי אויס צו מיר און רופט זיך אן: "איך האב אן עצה פאר דיר, איך האב א רבי וואס ער איז א גרויסער צדיק, אן ערליכער איד, ער וואוינט ווייט אוועק פון דא, אבער וואס ער זאגט ווערט מקויים, עס איז נישט דא א זאך וואס ער זאגט און עס ווערט נישט מקויים, ער איז ווי אן עכטער צדיק וואס הקב"ה איז מקיים זיינע ווערטער".

איך האב געטראכט צו מיר אין יענע מינוטן: 'נו, עס איז דאך נישט דא בעסער ווי דעם, א רבי וואס השי"ת איז מקיים אלעס וואס ער זאגט צו איז דאך עפעס וואס איך דארף'. אבער איך האב געוואוסט אז עס גייט קומען עפעס אן 'אבער...' און דער 'אבער' איז אנגעקומען.

"אבער..." האט דער רבי ממשיך געווען.

"דו וועסט מוזן פארן צו אים, און ער פאדערט זאכן, שווערע זאכן. מען מוז אויספאלגן וואס ער הייסט אן קיין חכמות, ווייל ער קען בעטן שווערע זאכן אויך..."

"רבי, איך בין גרייט אויף אלעס", האב איך געענטפערט.

"טראכט נאכאמאל", האט דער רבי געזאגט.

איך האב נאכאמאל באשטעטיגט פארן רבי'ן אז איך וועל טון אלעס אין מיין יכולת צו האבן א ישועה, און דער רבי, זעענדיג אז איך בין גרייט אויף אלעס, איז ער אריבער צום צווייטן שטאפל.

"ערשט וויל איך דיר לייכטער מאכן. מען דארף נישט פארן, ער איז דאהי, און דערביי האט דער רבי ארויסגעצויגן פון זיין לעדל א סידור, און אויפגעמישט צו די באקאנטע 'מי שברך', וואס עס איז פארפאסט געווארן דורך דער הייליגער תוספות יום טוב. דער רבי גיבט מיר א הקדמה, אז עס זענען דא אסאך נוסחאות וואס זענען מקובל פון פריערדיגע, אבער ביי אסאך זענען די נוסחאות נישט זייערע אייגענע.

דער נוסח 'מי שברך' פון דעם תוספות יום טוב איז מקובל מדור דור, אז נישט קיין צווייטער ווי דער תוספות יום טוב אליין האט עס פארפאסט.

דער רבי האט ממשיך געווען אויסצולייגען די ווערטער פון דעם נוסח. דער תוספות יום טוב שרייבט מיט דעם לשון 'מי שברך אבותינו', און שרייבט ווייטער, אז דער וואס היט זיין מויל נישט צו רעדן גארנישט פון אנהייב דאווענען ביזן סוף, וועט זוכה זיין צו א רייע פון ברכות, און צווישן די ברכות שטייט אויסגערעכנט אז ער וועט זוכה זיין צו זען ערליכע אידישע קינדער.

דער רבי האט מדייק געווען דעם לשון: "דער לשון איז 'יראה זרע כשר חיים וקיימים' - ער וועט זען כשר'ע און לעבעדיגע קינדער. עס שטייט נישט 'אפשר' אדער 'מעגליך', עס שטייט אז ער וועט זען!"

דער רבי האט זיך אויסגעדרייט צו מיר און געזאגט: "כאפ דעם תוספות יום טוב ביים ווארט! נעם זיך אונטער, רעד נישט, און אויב עס גייט דורך א שטיק צייט, און דו ווערסט חלילה נישט געהאלפן, נעם אונטער א רייזע צו זיין ציון, און זיי א 'בא בטענה'!"

דערביי האט דער רבי צוגעלייגט א הגדרה 'פון ווען הייבט זיך אן דאס דאווענען', ווייל אסאך מאל ווערן מענטשן צעמישט צי עס הייסט שוין אז מען דאווענט צי נאכנישט. "אויב דו זעסט אז א בעל תפילה שטייט ביים עמוד, רעד נישט. נישט קיין חילוק וואו ער האלט און וואס מען טוט דעמאלס".

אויפן ארט האב איך מקבל געווען די קבלה, און ווי דער רבי האט מיר געזאגט, האב איך טאקע באשלאסן אז איך גיי כאפן דעם צדיק ביים ווארט, און זיך פארגענומען שטרענג, אז פון היינט און ווייטער, יהיה מה שלא יהיה, אויב שטייט איינער ביים עמוד איז מיין מויל פארמאכט.

### מיט שטאלענע כוחות

"איך מוז דיר זאגן", פירט אויס הרב ה. אז עס איז נישט געווען גרינג. פון נאטור אויס האב איך ליב צו רעדן און פארברענגען, און דער פארברענגעריי איז מיר געווען קריטישער ווי אייביג, אין אזא צייט ווען אין שטוב האט געפעלט א מוט, און דער איינציגסטער ארט וואו איך האב זיך געקענט אויסלופטערן איז

המשך אויף עמוד ז'



המשך פון עמוד ו׳

געווען אין שול, אבער א קבלה איז א קבלה.

עס איז געווען תשרי צייט, א חודש ווען דער שול ווירבלט מיט מתפללים, עס איז שבת, יום טוב, שבת, ווער רעדט נאך פון ראש השנה, ווען ביי אונז הייבט זיך אן דער טאג זעקס אזייגער, און עס ענדיגט זיך זעקס אזייגער, און זיין אגאנצן צייט איינגעהאלטן איז נישט גרינג, אבער איך האב עס איינגעהאלטן ביזן סוף.

דריי שווערע חדשים זענען אריבער אויף מיר. אין לויף פון די דריי חדשים זענען צוגעקומען צו מיר צענדליגער יונגעלייט, און יעדעס מאל האבן זיי פרובירט צו רעדן צו מיר, אבער איך האב זיך איינגעהאלטן מיט שטאלענע כוחות. חנוכה צייט האב איך א זאג געגעבן פאר מיין פרוי: "איך מיין אז מיר קענען שוין אנהייבן טראכטן וועגן עפעס".

דער דאקטאר האט אונז אמאל געהאט געזאגט אז עס איז דא איין באהאנדלונג, אבער בשעתו האט ער געלאכט פון דעם, זאגנדיג אז די שאנסן זענען אונטער זערא, אבער יעצט אנגעגארטלט מיט די אמונה אין די ווערטער פון דעם הייליגן תוספות יום טוב, האב איך זיך אראפגעלאזט צו יענעם דאקטער, און אים געזאגט אז טראץ די שוואכע שאנסן, וויל איך יא אונטערנעמען דעם באהאנדלונג.

דער דאקטער איז געווען אן אפיקורוס, ער האט געלאכט פון אלעמען, און ווען איך האב אים געגעבן צו פארשטיין אז איך האב פרישע סיבות צו גלייבן, האט ער זיי אוועקגעמאכט, אבער ער האט מסכים דורכצופירן דעם באהאנדלונג.

"מיר האבן נאכאמאל אונטערגענומען דאס באהאנדלונג, און צום יאר פון די קבלה האב איך שוין געהאלטן אין מיין הענט צוויי זיסע לעכטיגע יונגלעך, און זיי אריינגעפירט בבריתו של אברהם אבינו! יא, דער סגולה האט געארבעט. נאך יארן פון צאפלדיגע און פינסטערע טעג איז געקומען די ישועה!

"עס איז געבוירן געווארן ביי מיר אין שטוב א צווילינג בעיבי. איינער פון די קינדער איז א קורצער צייט דערויף נפטר געווארן, אבער דער צווייטער לעבט, און האט שוין חתונה געהאט בשעה טובה ומוצלחת.

"און די קבלה, יא, ב"ה. עס איז ביי מיר חוק ולא יעבור. איידער איך גיי אריין אין שול ווערט דער טעלעפאן ביי מיר פארשלאסן. מען דאווענט ברציפות. עס איז נישט דא אינמיטן קיין 'נו נו'ס'. ווען מען דאווענט - דאווענט מען!

"ביי אונז אין תולדות אהרן, דאווענט מען לאנג. א שבת צופרי דאווענען קען געדויערן דריי-פיר שעה, עס איז אסאך צייט, מען קען הערן אסאך לשון הרע, נייעס, מען קען פארברענגען אן א סוף, אבער דאס זיך היטן דאס מויל איז א גוטער שומר. עס היט אפ פון אלעס. עס איז רואיג, און מען קען נוצן די רואיגקייט פאר התבוננות אין דאווענען, פאר א גוטע מינוט. איך בין פון נאטור אויס א גוטער קאמיוניקירער. איך בין אין קאנטאקט מיט אסאך מענטשן, סיי צוליב עסקנות און אויך סתם אזוי, עס איז א שווערע זאך דורכצופירן, אבער איינמאל מען ברעכט עס, איז נישט דא זיסערס פון דעם. א דאווענען איז א דאווענען.

"ב"ה היינט האב איך א שטוב פון פיר לעכטיגע קינדער, און איך גלייב אז דאס אלעס איז בזכות די הייליגע קבלה!"

*



## יא, מ'זאל אפערירן!

**לכבוד** המערכת פון דעם גליון קדוש 'נקדישך', און אלע חשוב'ע אידן וואס האבן די זכי' - איך וויל נישט זאגן ליינען... ווייל דאס איז נישט קיין מעשה ביכל... - צו 'לערנען' דעם גליון.

נאך די הערליכע סעריע מאמרים אויף 'לכה דודי', וואס איז געווען ממש מעין עולם הבא, און האט אריינגעברענגט א פרישן באדייט און געהויבנקייט אין דעם לעכטיגן פיוט וואס מיר זינגען יעדן ליל שבת קודש, האב איך געוואלט איבערגעבן א קורצע מעשה, דערציילן א 'השגה' פון אַ פארצייטישער חשוב'ער איד.

אין דער שטאט תל אביב האט געוואוינט א גאר געהויבענער איד, **הרב ר' יוסל קנאבליך ז"ל**, א איד א תלמיד חכם, אן איש מורם מעם, א איד וואס מען פלעגט ארויפגיין הערן מעשיות און חסידי'ישע שמועסן, זיך געווייקט ביים הייליגן בעלזער רב זי"ע און נאך צדיקים. ער איז געווען מלא מדע וחכמה. אן אוצר! מ'קען איבער אים אליין שרייבן א ספר, און דא איז נישט דאס פלאץ מאריך צו זיין איבער אים.

לעת זקנתו איז ער געקומען אמאל דא צו אונז קיין לאנדאן, אויף א מעדיצינישע באהאנדלונג לצורך רפואה.

עס איז געווען דעמאלס אן ערנסטע שאלה וועגן אן אפעראציע אויף זיין פיס, און מ'האט זייער מורא געהאט, די דאקטוירים האבן זיך נישט געוואלט טרויען אויף דער עלטער צו אפערירן מיט אזא הייקעלער פראצעדור.

איז געווען דארט א גרויסער דאקטער, און נאכן אראפלייגן די צדדים, האט ער געזאָגט אז מען קען לעולם זיך באַגיין אָן אפערירן, אבער מ'זאָל וויסן אַז אויב אפערירט מען נישט, וועט ער נישט קענען שטיין ביים דאַווענען.

רבי יוסף ז"ל איז דאן געזעסן און אזוי שוקל געווען. ער האט אריינגעטראכט וואספארא השפעה דאס קען האבן אין די אויגן פון מענטשן, אז מ'וועט זען א איד ווי ער, אן עלטערער איד, זיצט ביים דאווענען... האט ער זיך אנגערופן צו זיינע ארומיגע: "אויב וועט מען מיר זען זיצן ביי שמונה עשרה... נו, פארדעם האב איך נישט מורא... קיינער וועט מיר נישט נאכמאכן דערמיט... אבער, אויב וועט מען מיר זען זיצן ביי 'לכה דודי', דא האב איך מורא אז ס'וועט קאלט מאכן אנדערע אויך... און איך קען דאס נישט ערלויבן!!!"

ער האט דעמאלס געפאַסט דעם באשלוס: יא, מ'זאל אפערירן! ווייל ער קען זיך נישט ערלויבן נישט צו קענען שטיין ביי לכה דודי!!!

עד היכן הדברים מגיעים. א בליק פון אן אמאליגער חסיד'ישער איד.

אין בעלזא אפגערעדט איז דאס געווען א גאר שטארקע קפידא, אבער נישט נאר אין בעלזא, נאר איבעראל און אלעמאל, האבן געהויבענע חסיד'ישע אידן אזוי מקפיד געווען צו שטיין ביי לכה דודי. ס'איז א הייליגער פיוט, וואס מ'דארף זאגן מיט א געהויבנקייט.

עכ"פ, איר האט געגעבן

המשך אויף עמוד ח׳

### "טאטי, איך מוז דיר עפעס זאגן!"

**לכבוד** המערכת של גליון הקדוש 'נקדישך'.

איך האב ב"ה א שידוך געטון, די היינטיגע וואך פ' יתרו, הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו. גייענדיג צום ווארט, ביי די עלטערן פון די כלה אין שטוב כנהוג, רופט זיך אן צו מיר מיין זון דער פרישער חתן: "טאטי, איך מוז דיר עפעס זאגן!"

נו, וואס וויל דער חתן זאגן אויפן וועג צו זיין ווארט? "דו געדענקסט ווען מיר זענען געווען אין קראקא ביים תוס' יו"ט?" "יא", זאג איך אים.

"דארט האבן מיר גערעדט וועגן די הייליגע קבלה פון נישט רעדן ביים דאווענען. איך האב זיך דארט פארגענומען אז פערציג טאג גיי איך דאס איינהאלטן, און געבעטן אז אין דעם זכות זאל איך טרעפן א גוטע שידוך". און מיין זון פירט אויס: "טאטי, יעצט ביינאכט ווערט פונקטליך 40 טאג"!!!

נישט דא אויף דעם וואס צוצולייגן. חסדי ה'! הפלא ופלא!

יישר כח פאר אייער עבודת הקודש.

# דער 'יום טוב' פונעם תוספות יום טוב!

**א** גוטן אל מעלת כבוד גליון הקדוש 'נקדישך'.

איך מוז אייך זאגן, אז איך בין זיך מורא'דיג מחיה און ס'איז מיר מורא'דיג מחזק. בפרט דער חלק פון די תפילה וואו מ'גייט דורך דעם גאַנצן סדר פון 'קבלת שבת'. ס'איז ממש הערליך.

איך ליין דעם 'נקדישך' יעדע וואך, אלעס אלעס. די ארטיקלען, די מעשיות, די מאמרים, און אויך קול קוראים. ס'גיבט מורא'דיגע חיזוק און הנאה, און גרויס התחזקות בקדושת התפילה.

איך וויל אצינד ארויסברענגען א דבר בעתו מענינא דיומא.

דער הייליגער תוס' יו"ט האט געשריבן א ספר 'מגילת איבה', וואו ער שילדערט זיינע צרות, און צום סוף די ישועה וואס איז געקומען ב"ה אויף א שטארקן אופן.

סוף פונעם ספר פירט ער אויס מיט א בקשה צו זיינע קינדער און אייניקלעך עד סוף כל הדורות, אז מ'זאל קובע זיין דעם טאג פונעם ישועה - יום ב' דר"ח אדר, דאס מיינט א' אדר, דעם צווייטן טאג ר"ח - אלס א 'יום טוב ויום משתה ושמחה'.

ווי ער שרייבט דאס לשון '**הנני עכשיו אני קובע גם יום משתה ושמחה את יום הא' לחודש אדר משנכנס אדר מרבין בשמחה והוא השני לר"ח לדורותיכם עד עולם עלי ועל בני ובנותי וחתני וכלתי כי בו ביום חזרה העטרה ליושנה להיות אב"ד ור"מ בקהילה קדושה הגדולה קראקא עם הגליל שלה ועל כל סביבותיה**'.

ס'איז מיר א מורא'דיגער חידוש, אז דער טאג האט נאכנישט באקומען די ריכטיגע אויפמערקזאמקייט וואס דאס וואלט געדארפט האבן.

ס'איז היינט א וועלט וואו מען כאפט זיך צו צו יעדע יארצייט, יעדע סגולה, אלעס ווערט פארגרעסערט און פארברייטערט אויף וויפיל ס'איז נאר שייך... ס'זענען דא היינט טויזנטער טויזנטער אידן וואס זענען אייניקלעך פונעם תוס' יו"ט, בפרט היינט אז ס'איז דא אזא התעוררות איבערן תוס' יו"ט, זיין יארצייט און זיין מי שברך, וואלט דאך געדארפט זיין אז אזא טאג זאל ריכטיג אויסגעניצט ווערן!

מען זוכט היינט אלע מיטלען צו מאכן אידישקייט לעכטיג, געשמאק און זיס... מען פאבריצירט שוין אפילו אייגענע חידושים צומאל... נו, פארוואס זאל מען זיך נישט צוכאפן דערצו און פראווענען אזא טאג, וואס איז יסודתו בהררי קודש פונעם הייליגן גאון ישראל וקדושו, דער תוספות יום טוב הקדוש, אויף א יום טוב'דיגער שטייגער לויט ווי דער תוס' יו"ט זי"ע האט צוואה געלאזט?!

אפשר קען מען מפרסם זיין די זאך, און עס וואלט ווען געווען מורא'דיג שיין אז לכל הפחות די אייניקלעך פונעם הייליגן תוס' יו"ט - וואס זייער צאל ציילט זיך אין די טויזנטער - זאלן איינהאלטן זיין בקשה און פראַווענען א יו"ט אזוי ווי ער האט געוואלט. דאס וועט אודאי זיין א נחת רוח לנשמתו הטהורה בגנזי מרומים.

היי-יאר געפאלט דאס אויס דעם קומענדיגן וואך 'שבת קודש פרשת תרומה', איז עס א מורא'דיגע זאך, עס איז א דבר גדול 'בעתו ובזמנו', אז די אייניקלעך פונעם תוס' יו"ט זצ"ל זאלן זען צו מאכן קדישים, מנדב זיין שלש סעודות אין די בתי מדרשים, פראווען דעם 'יום טוב' פונעם הייליגן תוספות יום טוב, און דאס וועט ברענגען אלע גוטע השפעות.

און אויב אידן ווילן מוסיף זיין נאכמער, און מאכן א 'ריכטיגן' נחת רוח לנשמתו הקדושה בגבהי מרומים, זאל מען ביי דער געלעגנהייט זיך אונטערנעמען נישט צו רעדן ביים דאווענען, א זאך אויף וואס דער תוס' יו"ט האט פארלייגט אזויפיל כוחות. און אין דעם זכות וועט דער צדיק זיכער זיין א מליץ יושר פאר אלע זיינע אייניקלעך - און פאר גאנץ כלל ישראל, אידישע קינדער איבער דער גאָרער וועלט - צו געהאלפן צו ווערן בכל מילי דמיטב, אמן.

**א. אשכנזי - וויליאמסבורג**

המשך פון עמוד ז'

א שטארקער חיזוק פאר א הייליגע מנהג ישראל! א יישר כח גדול, און אסאך הצלחה אויף ווייטער.

**י.פ.ק - לאנדאן**

*

## מיין מעשה מיט א שלימות...

**שלום** וברכה, איך וויל אייך זאגן א מעשה.

איך בין נישט קיין גאסט דא אין נקדישך... ווייל א שטיק צייט צוריק האב איך אריינגעזאגט א שטיקל מעשה, וואס איז געווען נאר איין חלק פון די מעשה. קען זיין א חלק פון די חשוב'ע ליינער וועלן נאך געדענקען מיין מעשה.

עס איז געווען אביסל וויניגער ווי א יאר צוריק - תשפ"ד - ווינטער צייט, ווען איך געהאט עטליכע 'אישוס' ווי מ'זאגט, וואס איך האב זייער ארויסגעקוקט אז אלעס זאל זיך ענדיגן לטובה.

איך האב שטארק געוואלט זען א ישועה אין פרנסה, ס'זאל זיין מיט מער הרחבה; איך האב געהאט דעמאלס א דירה וואו ס'האט געוואוינט א גוי א טענענט, וואס האט געמאכט פראבלעמען, איך האב אים געוואלט 'עוויקטן', און איך האב געהאט פראבלעמען מיט דעם אויך.

שבת אינדערפרי פארן דאווענען האב איך געליינט דעם גליון, ס'האט מיר געגעבן א כאפ אז איך זאל זיך מקבל זיין נישט צו רעדן. איך האב זיך אויפן פלאץ מקבל געווען נישט צו רעדן אז ס'זאל זיין לזכות פון דריי זאכן: 1) איך זאל פטור ווערן פון דעם גוי, 2) א הרחבה אין פרנסה, 3) צו קענען קויפן א דירה אין שטאט.

למעשה, א פרנסה האב איך געזען א ישועה ממש תיכף ומיד נאך שבת; נאך יענעם זונטאג האב איך געזען א השתנות לטובה!

בנוגע דעם טענענט האבן זיך ב"ה ביז אפאר וואכן זאכן מסדר געווען על צד היותר טוב, און למעשה איז ער געגאנגען. מ'האט געסעטלט ב"ה, און מער וויניגער איז עס געווען פיין.

ביז דעם חלק האב איך שוין דעמאלס אריינגעלאזט אין א מעסעדזש, און איר האט עס זייער שיין אראפגעשריבן. דער בריוו האט זיך אויסגעפירט מיט די ווערטער אז 'איךווארט נאך צו זען א ישועה אין דער נושא פון דער דירה'.

למעשה, דער דירה האט זיך עפעס נישט געמאַכט, און אינצווישן בין איך אביסל צוריקגעפאלן מיטן איינהאלטן די קבלה. נישט אז איך האב גערעדט ביים דאווענען, אבער נישט אזוי שטארק איינגעהאלטן מיט א פעסטקייט.

יעצט נאך סוכות איז געווען א התעוררות ביי אונז אין ביהמ"ד, על כל פנים אויף שבת נישט צו רעדן בשעת התפילה. האב איך זיך ווידעראמאל מקבל געווען אז איך גיי נישט רעדן שבת בשעת התפילה.

אַפּאָר וואכן זענען אריבער און ב"ה ס'איז אונטערגענומען א פיינע דירה צו קענען קויפן! הודו לה' כי טוב!

יעצט איז מיין מעשה א שלימות... מיט א פריילעכע ענדע!

**ה. ה. ל. - בארא פארק**

*



מִי שֶׁבֵּרַךְ שחיבר מרן בעל תוס' יו"ט זיע"א

מִי שֶׁבֵּרַךְ אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן דָּוִד וּשְׁלֹמֹה, הוּא יְבָרֵךְ הַשּׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ מִלְּהַפְסִיק בְּשׁוּם דִּיבּוּר. מִן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר עַד גְּמַר הַתְּפִלָּה וּבִשְׁעַת קְרִיאַת סֵפֶר תּוֹרָה שֶׁבְּצִיבּוּר: אֲפִילוּ בְּדִבְרֵי תּוֹרָה וְאֵיזֶה דִיבּוּר כָּל שֶׁכֵּן בְּשִׂיחַת חוּלִין וְסִיפּוּרֵי שְׁמוּעוֹת. וְיָחוּלוּ עָלָיו כָּל הַבְּרָכוֹת הַכְּתוּבוֹת בְּתוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וּבְכָל סִפְרֵי הַנְּבוּאוֹת: יִרְאֶה זֶרַע כָּשֵׁר חַיִּים וְקַיָּמִים. וְיִזְכֶּה לִשְׁנֵי שׁוּלְחָנוֹת שֶׁבִּשְׁנֵי עוֹלָמִים: שֶׁהֵם הָעוֹלָם הַזֶּה שֶׁעָלָיו נֶאֱמַר וְהִנֵּה טוֹב. וְהָעוֹלָם הַבָּא שֶׁהוּא יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ אָרוּךְ גַּם טוֹב: וְנֹאמַר אָמֵן:

KEREN TOSFES YOM TOV
670 Myrtle Ave #6449
Brooklyn NY 11205
Tel: 212.299.9185 Fax: 212.244.6551
Email: Gilyon@KTYT.org